מיר הייבן אָן מיט די לידער פון **יצחק ניבאָרסקי**. אין זײַנע געשליפענע לידער קען מען דערקענען אַ שפּור פון אַהרן צייטלין - ווענעמס פּאָעזיע האָט ניבאָרסקי אַמאָל באַאַרבעט צו זײַן דאָקטאָראַט. מיר זיינען דאַנקבאַר פרײַנט ניבאָרסקין פאַר זײַן אָפּקלייב פון צייטלינס פאַר-מלחמהדיקע לידער

**יצחק ניבאָרסקי**
געבוירן אין בוענאָס איירעס אין 1947. די עלטערן – פון כאָרזל, פוילן. געלערנט אין אַ יִדיש וועלטלעכער שול אין בוענאָס איירעס. וווינט אין פּאַריז זינט 1979, ווו געענדיקט ליטעראַטור-לימודים אין אוניווערסיטעט. אַלע יאָרן געאַרבעט ווי אַ יִדיש-לערער.

אַלע לידער זיינען אַרויסגענומען פון זיין ניכל ***ווי פון אַ פּוסטער פּאַס***, פּאַריז 1966. ליידער קען מען דאָס ביכל מער נישט באַקומען

## ווענגן דעם וואָס עס דאַכט זיך,
## אַז ס'הייסט נאָר אַז מ'איז

בײַם קוואַל פֿון וואַנען ס'פֿלייצן אייביק שטראָמען –
שטראָמען לײַבער, אייביק לײַבנדיק געטרײַב,
שטייט אָדם, כולו לײַב און אומפֿאַרבלײַב,
און מיינט – ער קניפּט אויף אייביק לײַב מיט נאָמען.

און יעדעס לײַב איז, הייסט עס, באשר ס'הייסט,
באשר דעם נאָמען קען די צײַט און ווייס אים.
דײַן נאָמען, זאָגט מען, בלײַבט ווען דו פֿאַרגייסט,
און לעבעדיקע הייסן נאָך די מתים.

נאָר ווער איז דער, וואָס פֿירט אַדורך ווי שאָף
דעם לײַבערשטראָם, דעם צאַפּלדיקן הייסן,
און פֿון די הויכע טויערן פֿון סוף
פּסקנט ער מיר: „פֿאַרמעקט! ס'האָט בלויז געהייסן...“ ?

## צו יענעם פֿויגל

סוצקעווערס חבֿר, דעם בוטשאַן, אַ גרוס
פֿון אַ הימל־נידעריקערן בן־מין

דו, וואַנדערער, בוטשאַן :
הימלען פֿלעגסטו דורכזיגלען
מיט הונגערס און מיט עופּעלעך באַלאָדן.
ווּ ביסטו נאָך פֿאַראַן ?
ווּ איז דער שטאָלצנשפּאַן,
דער שאַרפֿער שנאָבל ?

פֿאַרבלײַטער פֿויגל,
איצט טוסטו אין געמויזעכצער זיך באָדן,
און העלפֿסט די פֿרעש
פֿאָרשן די בלאָטע
מיט דײַן טעמפּן דרעש.

דעם פֿלי פֿאַרגעס.
אַלע חלומות – אָפּגעשטעקט.
ווער וועט דיר נאָך געטרויען
פֿרישע קינדער־מעשׂיות
אין פּוסטן ווינדל אַרײַן ?

דיר בלײַבט נאָר, ברודער מײַן,
זומפּיקער ביסן
דערווישט מיט זומפּיק וויסן.
אַזוי וועסטו שוין לעבן
ביז חסד וועט דיר געבן,
וואַנדלער דו, בוטשאַן !
אין האַלדז – דאָס ליד פֿון שוואַן.

# ווייַן, פֿרויען, ליד

קיין אַלטן ווייַן וועל איך שוין נישט טרינקען :
אַלע ווייַנען זענען ייִנגער פֿאַר מיר.
די געוויינען אָבער זענען עלטער,
סײַדן דאָס איינע געוויין,
וואָס איז אַלט ווי אַיעדער אַליין,
ווי אַ קרעכץ, וואָס אין ווייַנלידער קרעלט ער :
דאָס געוויין אַז געוועזן איז געוועזן.

קיין יונג מיידל וועט מיך שוין נישט נעמען :
אַלע מיידן זענען ייִנגער פֿאַר מיר.
עלטער אָבער זענען אַלע ליידן,
סײַדן די איינציקע לייד,
וואָס זי וויל מײַנע יאָרן נישט מײַדן
און איז איצט מיר אי פּנים, אי קלייד :
אָט די לייד פֿון נישט האָבן געוועזן.

## דער שעהען־טאַנץ

צו די פֿרישינקע,
צו די זוניקע,
צו די זינדיקע
און פֿאַרשווינדיקע –
צו אַלע דייַנע טעכטער
בין איך אומזיסט געקראָכן,
שווערטאָג מייַן,
ליידיק־פֿאַרגייער.

מייַן גאָלדענע קרוין
האָבן זיי צוגענומען,
און מיר געהייסן
שפּעטער קומען.

און שפּעטער, שפּעטער,
נאָך שפּעטער ווי שפּעט
האָבן זיי געמאַכט אויס מיר
ס׳גרויסע געשפּעט :
„פּונעם איידעם –
אַ בוידעם !
חיי־שאָד,
חיי־גולם !“

נאָר איך בין דער מאַנסביל,
דער מאַנסביל וואָס לאַכט
אין מיטן דער גענאַרטער
חופּה־נאַכט :

„כ׳וועל גאָרנישט דערלייגן !
פֿון אייַער מעת־לעת
צי איך אַרויס
מייַן קרן – דעם מת !“

## סאַמאַגאָן

### א

אַך, יענע רײַכע מערק אין שטעט אַמאָליקע און ווײַטע !
מיר פֿלעגן אָנרײַטן מיט קילקייט פֿון באַגינען אין די בערד,
מיר, הימלזין, אַנטפּלעקערס פֿון ירידן אויף דער ערד !

מציאות בונטע טויזנט מאַניען מיט אַ מילדן רייץ,
נאָר ס׳איז די וועלט קיין ציג דאָך נישט ; און ווען אַפֿילו יאָ –
וועט זי אַליין דאָרט האַנדלען. ווילע ציג פֿון אונטער וויג !
מיר אָבער ווען בעסער, אויסגעזעצטע צווישן פֿעסער,
אַרויסבליקן צום האַוועניש פֿון ווײַבלעך בײַ די שטעלן
דורך פֿענצטער ליבלעך אָפֿענע פֿון רחבֿותדיקן שענק.

פֿון טאַטנס ווײַנגאָרטן די טרויבן. טוי – דער שטויב אויף פֿלעשער.
דער דופֿט פֿון יונגע טרעטערקעס גייט אויף פֿון יעדן כּוס,
און ס׳ווינקט פֿון אַלטע ווײַנמײַסטערס די חכמה דורכן גלאָז.
אַ שײַן צינדט אין דער קעל זיך אָן און טוט דאָס אויג אַ וואַש,
און ס׳ווערט פֿון קוויטל אויף דער פֿלאַש, מיט זיגלוואַקס פֿאַרטריפֿטן –
אַ בריוו פֿון טיפֿן קעלער צו דער הייך איבערן דאַך...

און ס׳פֿלעגט זײַן טאָג, און ס׳פֿלעגט זײַן אָוונט –
לינד און אויסגעלײַטערט,
און מיטן מאָרגן־שטערן גלײַך פֿלעגן מיר רײַטן ווײַטער,
מיר אָנהייביקע, אייביקע און יעדן טאָג באַנײַטע !

## ב

פֿון שווייסנשלאָף זיך אויפֿרײַסן.
אַראָפּקריכן אין טויב געבויטן חושך.
אָן אַ פּיפּס דערטאַפּן זיך
צום ברענפּונקט אונטער בײַכלדיקן ברויפֿאַס.
הייצן געדולדיק.
שולדיק, געדולדיק.

אָהאָ !...
פֿון זיסלעכן אָפּפֿאַל ציִען זיך דאַמפֿן
און שטופּן זיך פֿויל צו די קופּערנע קישקעס און ריפּן...

הייצן געדולדיק.
שולדיק, געדולדיק.
אָהאָ !...
אין זשאַווער פֿון רערעלעך שוויצט זיך צוזאַמען
אַ זשוואַווע געוויסערל...

הייצן און קילן.
זיסקייט. זיס קויט.
ביטערער טראָפּן.
אָנשוויצן. אויסקילן. אָנצאַפּן.

דאָרשט – סײַ ווי טויט פֿון לאַנג אָן.
זשליאָקען סתּם
סם און פֿלאַם –
סאַמאַגאָן.